**Etlekhe verter**
**tsu mayne leyener**

Vos far a dikhter
Volt nit veln,
Az zayne lider
Zoln gefeln.

Er zol visn,
Az oysnveynik
Kenen di kinder
"Di briv tsu zayn eynik",

"Dos lid funem shlayfer",
"Dos lid funem shmider",
Dos gantse bikhl
Mit zayne lider.

Visn, az nit umzist
Er koyft on a shier
Mekers un klekers
Un tint mit papir.

Vos far a dikhter
Vil nit visn,
Az epes kon men
Fun zayn shraybn genisn.

Az der, vos er leyent es,
Fartift zikh azoy,
Derlang - vet er kayen
A farayorike shtroy.

Fundestvegn meyn ikh,
Az es iz gornit keday,
Ir zolt leyenen mayn bikhl,
Ven ir zitst in tramvay.

Beser nit visn
Fun mayn bikhl keyn vort,
Nor optretn ofter
A bayortn dos ort.

**Ein paar Worte**
**an meine Leser**

Was wäre das für ein Dichter,
der nicht will,
daß seine Lieder
Gefallen finden!

Er soll wissen,
daß die Kinder seine
"Briefe an meinen Enkel"
auswendig können,

"Das Gedicht vom Messerschleifer",
"Das Gedicht vom Schmied",
das ganze Buch
mit seinen Gedichten.

Wissen, daß er nicht umsonst
ohne Ende
Radiergummis und Löschblätter,
Tinte und Papier kauft.

Was wäre das für ein Dichter,
der nicht wissen will,
daß man mit seinem Schreiben
etwas anfangen kann!

Daß der, der es liest,
sich so vertieft,
daß er, bittesehr - das alte Zeug
immer wieder käut.

Trotzdem meine ich,
daß es gar nicht sinnvoll ist,
wenn ihr mein Buch
in der U-Bahn lest.

Lieber kein Wort von
meinem Büchlein kennen,
dafür aber öfter mal einem Alten
den Sitzplatz freimachen.

# עטלעכע ווערטער
# צו מײַנע לייענער

וואָס פאַר אַ דיכטער
וואָלט ניט וועלן,
אַז זײַנע לידער
זאָלן געפעלן.

ער זאָל וויסן,
אַז אויסנווייניק
קענען די קינדער
„די בריוו צו זײַן אייניק“,

„דאָס ליד פונעם שלײַפער“,
„דאָס ליד פונעם שמידער“,
דאָס גאַנצע ביכל
מיט זײַנע לידער.

וויסן, אַז ניט אומזיסט
ער קויפט אָן אַ שיר
מעקערס און קלעקערס
און טינט מיט פּאַפּיר.

וואָס פאַר אַ דיכטער
וויל ניט וויסן,
אַז עפּעס קאָן מען
פון זײַן שרײַבן געניסן.

אַז דער, וואָס ער לייענט עס,
פאַרטיפט זיך אַזוי,
דערלאַנג — וועט ער קײַען
אַ פאַראַיאָריקע שטרוי.

פונדעסטוועגן מיין איך,
אַז עס איז גאָרניט קעדײַ,
איר זאָלט לייענען מײַן ביכל,
ווען איר זיצט אין טראַמוויי.

בעסער ניט וויסן
פון מײַן ביכל קיין וואָרט,
נאָר אָפּטרעטן אָפטער
אַ באַיאָרטן דאָס אָרט.

*Shike Driz: Harbst (lider)*
*Moskve 1978*

*transkribirt fun Martin Quetsche*
*www.schmarowotsnik.de*